Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פּרייז 15 גראָשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 178 | Łódź, Poniedziałek, 1 sierpnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, כ״ח תמוז תרצ״ב | № 178

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאדז, פּעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# היטלער האט נישט קיין מעהרהייט

## די לאַגע בלייבט דיזעלבע. — די צאָהל קאָמוניסטישע שטימען איז געשטיגען. — קאָמוניסטען זענען דאס צינגעל פונ׳ם גלייכגעוויכט

# דער רעזולטאַט פון די וואַהלען אין דייטשלאַנד

### די בלוטיגע פאַרוואַהל-נאַכט

בערלין, 31 (ספּ. טעל.)

די פאַרוואַהל־נאַכט איז אַדורך, זעהר אומרוהיג.

דאָ זענען פאָרגעקומען ערנסטע צוזאַמענשטויסען צווישען היטלעריסטען און קאָמוניסטען.

פּאָליציי האָט ליקווידירט די צוזאַמענשטויסען.

אין דער צפון־געגענד פון דער שטאָט איז 1 קאָמוניסט דערשאָסען געוואָרען דורך אַ פּאָליציאַנט.

אויף דער פּראָווינץ זענען אויך פאָרגעקומען בלוטיגע צוזאַמענשטויסען.

אין פולדא האָבען די קאָמוניסטען דערשאָסען דעם קאָמענדאַנט פון די היטלעריסטישע שטורמיסטען.

אין דיסעלדאָרף איז דער דאָרטיגער קאָמוניסטישער אָנפיהרער שווער פערוואונדעט געוואָרען דורך אַ היטלעראָוויעץ.

בעת אַ רעוויזיע האָט פּאָליציי אין אַ היטלעריסטישער קאַזאַרמע קאָנפיסקירט געוועהר און אַמוניציע.

24 היטלעראָוועצעס זענען אַרעסטירט, און זיי ווערען איבערגעגעבען אין געריכט.

אין ראָלאַני איז אויסגעבראָכען אַ פערביטערטער קאַמף צווישען היטלעריסטען און קאָמוניסטען. מ׳האָט אַרויסגערופען פּאָליציי פון גאַרזשעליץ. די קאָמוניסטען האָבען זיך פערבאַריקאַדירט אין זייער קאַזאַרמע, וועלכע פּאָליציי האָט איינגענומען דורך אַ ביקסען־שיסעריי.

אויף דער ראַדיאָ־סטאַציע אין ברעסלוי איז געמאַכט געוואָרען אַן אַטענטאַט דורך אונטערלייגען פייער (אונטערן בנין פון דער סטאַציע).

אויף דעם היטלעריסטישען דעפּוטאַט שטרייכער, וועלכער האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט היטלערס אויטאָ פון ביירוט, איז, נאָהענט לעם ניערנבערג, געמאַכט געוואָרען אַ רעוואָלווער־אַטענטאַט, שטרייכער׳ן האָט די קויל נישט געטראָפען.

צווישען די היטלעריסטען און די רעפּובליקאַנער איז אויסגעבראָכען אַ בלוטיגער קאַמף. ביידע צדדים האָבען געשאָסען און זיך בעוואָרפען מיט שטיינער.

אין קאַסעל איז דערשאָסען געוואָרען דורך אַ היטלעריסט אַ מיטגליד פון די „רייכסבאַנער״.

אין נירענבערג זענען אַ סך פערזאָנען שווער פערוואונדעט געוואָרען.

אין ליובעק זענען אויסגעבראָכען געשלעגען צווישען היטלעריסטען און סאָציאַל־דעמאָקראַטען. איין היטלעריסט איז דערהרג׳עט געוואָרען.

אין אָפענהיים האָבען היטלעריסטען דערשאָסען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט.

אין קרעפעלד איז אין שפּיטאָל געשטאָרבען אַ שווער־פערוואונדעטער קאָמוניסט.

אין עסען איז 1 קאָמוניסט דערהרג׳עט געוואָרען, און עטליכע שווער פערוואונדעט.

בערלין, 31 (ספּ. טעל.)

דער פערלויף פון דער היינטיגער אָפּשטימונג איז אין אַלגעמיין געווען אַ רוהיגער.

בלויז אין עטליכע ערטער איז די רוהע געשטערט געוואָרען.

אין איין אָרט איז 1 פּערזאָן דערהרג׳עט און עטליכע שווער־פערוואונדעט געוואָרען.

גרעסערע אינצידענטען זענען פאָרגעקומען אין ברעסלוי.

פּאָליציי האָט דאָרט אַרעסטירט 31 פּערזאָן.

אויך אין קעלן זענען פאָרגעקומען בלוטיגע צוזאַמענשטויסען: פּאָליציי האָט געשאָסען אויף די קאָמוניסטען און דערביי איינעם פערוואונדעט.

אין דיסעלדאָרף איז שווער פערוואונדעט געוואָרען אַ־ין פּאָליציאַנט.

די רשימה פון דער פאָריגער בלוטיגער נאַכט

די רשימה פון דער פאָריגער בלוטיגער נאַכט

(ווייטער זעה 9־טע זייט)

טעאַטער „סקאַלא״
15 שרודמיעסקא 15
טעלעפאָן 232-33

היינט, מאנטאג
דעם 1־טען אויגוסט, 9 אָוונד

טעאַטער „סקאַלא״
15 שרודמיעסקא 15
טעלעפאָן 232-33

אומאָפּרופליך לעצטע געזעגנונגס־פאָרשטעלונג
פון דער וועלט־בעריהמטער אַרטיסטין, שטערן פון ניו־יאָרקער קונסט־טעאַטער

בערטא
געדסטעז

עם וועדט נעגעבען צום לעצטען מאָל די שטאַרק־אויסגענומענע קלאַסישע דראַמע

„מירעלע אפרת״

פון יעקב גארדין אין 4 אַקטען.
עם נעמט אנטייל פאלגענדער אנסאמבל:
מ. אייזענבערג, ח. בוזגאַן, ש. בליאַכער, בערטא געדסטען.
ק. נוטמאַן, ש. לאַנדוי, ב. מעלבניק, י. סטרוגאַטש, באַרסקא־פישער, ד. ראָזענבלום, ר. שילער, ל. שריפטזעצער א. אנד.

אכטונג! נאָך דער פאָרשטעלונג פערלאָזט די קינסטלערין לאָדז און פאהרט מיט׳ן ערשטען צוג קיין אויסלאַנד.

בילעטען אויף דער פאָרשטעלונג פון 11 ביז 2 און פון 5 ביז 9 אין קאַסע פון טעאַטער.

